# גרינע פעלדער

טרילאגיע

## גרינע פעלדער
## צוויי שטעט
## לוי-יצחק

ח"ד-נאמבערג-ביבליאטעק
ביים ארבעטער קלוב א"ג
"וולאדימיר מעדעם"
אין פאריז.

774

418

ווילנע — 1929

ווילנער פארלאג פון ב. קלעצקין

Grade 113

(1919)

### פערזאָנען פון דער ערשטער שטאָט:

ר' לוי-יצחק
צינע, זיין ווייב
חיים | זייערע קינדער
גנענדל | זייערע קינדער
טייבעלע | זייערע קינדער
אַלטע, א דינסט
הענאָך-יואל, גבאי
עוזר | קצבים
זאָוויל | קצבים
איטשע
מרדכי
משה
כוועדער, שבת-גוי
פאָוועסינע, שטאָט-משוגענער
אַ ן עולם, מענער, פרויען, אלטע, יונגע.

### פערזאָנען פון דער צווייטער שטאָט:

נחמן, גבאי
בנימין
זלמן
ציבולע, שבת-גוי
חנה
לייזער
אברהם-יעקב
אַלטע לייט. אַן עולם, מענער, פרויען און קינדער

---

ה. ד. נאמבערג ביבליאטעק
ביים ארבעטער קלוב א. ג.
"וולאדימיר מעדעם"
אין פאריז.

# ערשטער אַקט.

ביי לוי־יצחקן. אַ גרויסער בית־הרב. פּאָליצעס ספרים אַרום די ווענט. ארון־קודש און עמוד אין מזרח־וואַנט. איין טיר פירט דרויסן, די אַנדערע — צו די אינעווייניקסטע חדרים. אַרום שבועות. וואַרים און זוניק, די פענסטער אָפן, פון וואַנען עס טראָגט זיך דער גערויש פון מאַרק.

מ ש ה פ אַ ו ו ע ט י נ ע

קומט אַריין, שמעקט פאַרגאַפט די לופט און קראַצט זיין צעשויבערטע באָרד.

אַ ל ט ע

קומט אַריין פון דער אַנדערער טיר.

וואָס ווערסטו עפּעס זאָגן גוטס, ר׳ משה?

פ אַ ו ו ע ט י נ ע

איך הער אַ ראָסל־פליישׁ קאָכט זיך.

אַ ל ט ע

אַ הוש־הריח!

פ אַ ו ו ע ט י נ ע

איבערן גאַנצן מאַרק צעטראָגט זיך דער ריח. וועט מיר אַלטע געבן דעם טעפל?

אַ ל ט ע

שפּעטער, אַז מען וועט אָפּעסן, וועל איך דיר דעם טעפל אַרויס־שטעלן הינטער דער טיר.

פ אַ ו ו ע ט י נ ע

באַדאַרפן קומען פריער פונם הוגט.

א ל ט ע

איך מאַך חוזק. ווּעסט אַריינקומען אין קיך, וועל איך דיר אָנגיסן אין אַ שיסל. ווּעסט נאָך ברויט אויך קריגן דערצו.

פ אַ וו ע ט י נ ע

איך דערשמעק, אַז די קאַרטאָפּל זענען געווען אַ ביסל צוגעפּראָרן.

אַ ל ט ע

וואָס פאַר אַ קאַרטאָפּל?

פ אַ וו ע ט י נ ע

וואָס דו קאָכסט איצטער.

אַ ל ט ע

ביסט דערביי געווען, ווען זיי זענען געפּראָרן?

פ אַ וו ע ט י נ ע

אַי, דער עסיק, אַי, ווי עס שמעקט!

אַ ל ט ע

ווּעסט דערשמעקן דעם מלאך־המות, אַז ער וועט באַדאַרפן קומען?

פ אַ וו ע ט י נ ע

איך דערשמעק אים, ווי נאָר ער קומט אין שטאָט אַריין. אַז איך הענג אין פּאַוועטינע, דערציילן עס מיר די שפּינען.

אַ ל ט ע

וואו ביסטו געשלאָפן היינטיקע נאַכט?

פ אַ וו ע ט י נ ע

אין שול אויפן בוידעם, אין אַ וויגעלע פון פּאַוועטינע.

אַ ל ט ע

אַז אָך און ווי צו אונזערע זינדיקע נשמות.

פ אַ וו ע ט י נ ע

ווייסט ווי דען, ווער נאָך קען זיך אויפהאַלטן אין דער פּאַוועטינע? איך טאַקע, און די שפּין, כאַ־כאַ־כאַ־כי.



כ וו ע ד ע ר

קומט אַריין.

אַ גאָט העלף, אַלטע!

אַ ל ט ע

אַ גוט יאָר, כוועדער. וואָס ווּעסטו עפּעס זאָגן גוטס?

כ וו ע ד ע ר

איך היינט געזען ציבולע, ער זאָגט: איך גיין אין זיין שטאָט. ער גיין אין מיין שטאָט.

פ אַ וו ע ט י נ ע

איך דערשמעק, זיין מחלוקות.

כ וו ע ד ע ר

דו שוין דערשמעק, דו גיש קיינעם זאָג. שטאָט מיר גיש לאָזן, ביש באַצאָל, וואָס קומט.

אַ ל ט ע

גיי שוין, גיי, כוועדער. שטאָט איז אַזוי צוגעווינט צו דיר.

כ וו ע ד ע ר

דאָרטן טאַקע יידן באַקן ווייסע חלה. גיבן גרויסע שטיקער. דיינע יידן, קאַרגע יידן. דאָרטן גיט ווין אויך. דאָ, זיי זאָג כוועדער ביש טאָר טרינק יידיש ווין.

אַ ל ט ע

דו טרינקסט דאָך נישט קיין ווין.

כ וו ע ד ע ר

יידיש ווין איך טאַקע טרינק. יידן מעג — כוועדער מעג.

ח י י ם

קומט אַריין. שטעלט זיך אויפן טיש און זוכט צווישן די אייבערשטע פּאָליצעס ספרים.

כ וו ע ד ע ר

דו חיים שוין אויסגעלערנט אַלע קנישקעס אונטן, דו שוין זוכסט אויבן.

ציִנע

קומט אַריין.

אַ גאָט העלף, ר׳ משה, וואָס מאַכט איר עפּעס?

פּאַוועטינע

איך דערשמעק, אַז מאָרגן וועט גיין אַ רעגן.

ציִנע

אַלץ דערשמעקסטו... וואָס זוכסטו דאָרטן אַזוי, מיין קינד?

פּאַוועטינע

איך דערשמעק, אַז ער וועט וואַקסן זייער הויך.

ציִנע

הלוואי זאָל זיין, ווי דו זאָגסט.

חיים

אַזוי, אַזוי, משה ווייסט, וואָס פון מיר וועט ווערן.

ציִנע

וואָס איז דער חילוק? ווער סע זאָל מיר ניט זאָגן גוטס אויף מיין קינד, איז מיר ליב און ניחה.

אַלטע

נישט איינמאָל איז מקויים געוואָרן וואָס ער האָט געזאָגט. כ׳פלעג אַמאָל פּשוט מורא האָבן פאַר אים.

כוועדער

ער בילט שלעכטע זאַכן, זיין נאָז פון הונט, דעריבער ער גוט שמעק.

חיים

נו, וואָס, משה, איז אמת, וואָס כוועדער זאָגט אויף דיר?

הענאָך-יואל

קומט אַריין.

אַ גאָט העלף.

ציִנע

אַ גוט יאָר, ר׳ הענאָך-יואל. וואָס הערט מען עפּעס אין שטאָט?



הענאָך-יואל

אין שטאָט שמועסט מען... עס ווילט זיך גאָרנישט גלויבן.

ציִנע

וואָס, חלילה עפּעס?

הענאָך-יואל

דאָס בין איך געקומען. געוואָלט זיך דורכרעדן מיטן רב.

ציִנע

כוועדער זאָגט, אַז ער גייט אַוועק פון שטאָט.

הענאָך-יואל

דאָס וועט שוין זיין די גרעסטע דאגה. זאָל ער גיין.

ציִנע

ווי אַזוי וועט עס גאָר די שטאָט קענען אויסקומען אָן אים?

כוועדער

איך נאָך ניש גיי. איך נאָך באַדאַרף טראַכטן.

חיים

וואָס הערט מען עפּעס אין שול?

הענאָך-יואל

די שול בענקט נאָך דיר. ס׳איז דאָרט איצטער שטיל און אומעטיק געוואָרן. וואָלט געווען אַ יושר, אַז דו זאָלסט זיך צוריק אומקערן אין שול אַריין.

ציִנע

זינט ער האָט אָנגעהויבן צו לערנען אין דער היים, איז גאָר אין שטוב ליכטיקער געוואָרן.

הענאָך-יואל

מען טאָר אַ שול נישט פאַרשעמען. די ווענט פון אַ שול בענקען נאָך דעם קול פון לומדי-תורה.

ר׳ לוי-יצחק

קומט אַריין.

### העָנאָך־יואל

אַ כמאַרע ציט זיך איבער אונזערע קעפּ.

אין טיר באַווייזן זיך נאָך יידן. ווילן זיך אַריינשפּאַרן אין שטוב אַריין, נאָר מען לאָזט זיי נישט.

### שטימען

— וועגען נישט וואַרט די שוועל אַריבערצוטרעטן.
— לאָזט זיי נישט אַריין.
— איבערברעכן זיי די פיס.
— מיט אַזאַ הוצפּה שפּאַרן זיי זיך אַהער.
— ס'איז שפיכת־דמים.
— יידן, פאַרגעסט זיך נישט.
— יידן, זייט נישט מבייש קיין יידן.
— אַ הרפּה, אַ בושה.
— כדום!
— מאַכט זיי צו ס'מויל!

### ר' לוי־יצחק

וואָס איז געשטאַנען מיטן פּנים אין די פּאָליצעס ספרים איינגעגראָבן, ווענדט זיך פּלוצלונג צום עולם, מיט אַ ציטער אין דער שטימע.

יידן, זייט מכניסי־אורחים, זייט נישט מבייש יידן פון אַן אַנדער שטאָט. לאָזט זיי דורך. לאָזט מיר מקבל־פּנים־זיין יידן פון אַן אַנדער שטאָט — זייט זשע מוחל!

דער עולם אין טיר מאַכט אָן וועדטער אַ וועג צווישן זיך אין עטלעכע אומבאַקאַנטע בכבודיקע יידן קומען אַריין. אַזוי שוויַגנדיק דערנענטערן זיי זיך צו ר' לוי־יצחקן און מיט גרויס דרך־ארץ גיבן זיי אים אָפּ שלום. דער עולם קוקט מיט אַ שטילן טרויער.



### צווייטער אַקט.

אַ גרויסער, ליכטיקער בית־הרב אין אַ שפּאַגל־נייער שטוב. דער ארון־קודש אין מזרח־וואַנט. די פענסטער אָפן און דאָס ליכט שטראָמט אַריין פון דרויסן. זומער.

### ציבולע

דער שטאָטישער שבת־גוי קומט אַריין מיט אַ בריט אונטערן אָרעם און שטעלט זיך צושלאָגן צו דער שורה פּאָליצעס וואָס אַרום די ווענט.

### אַ ייד

שטעקט אַריין דעם קאָפּ אין פענסטער.

ביסט שוין פאַרטיק, ציבולע?

### ציבולע

די טשוועקעס טייוואָלים, ניש קריך אין האָלץ אַריין.

### ייד

אפשר אַ שלעכטער האַמער?

### ציבולע

טשוועקעס שלעכטע.

### ייד

וועסט נאָך היינט נישט ווערן פאַרטיק מיט דעם.

### ציבולע

איך היינט ניש געגעסן. ברענג ברויט מיט אַ ציבעלע, טשוועקעס גייען בעסער.

### ייד

אַז מען טוט אַזאַ מלאכה, באַדאַרף מען פאַסטן, גוי דו איינער.

צ י ב ו ל ע

אַז איך ניש עס, איך ניש האָב כּוח.

שטימען פון קינדער הינטערן פענסטער.

— אָט־אָ־דאָ וועט וואוינען דער רבֿ.
— מיין טאַטע וועט גיין מיט מיר, ער זאָל מיך פאַרהערן.
— איך האָב מורא צו גיין צו אַ רבֿ.
— באַלד וועט ער קומען צו פאָרן.
— מיין טאַטע איז טאַקע נישטאָ אין דער היים. ער וואָלט טאַקע געפאָרן אים באַגעגענען.
— דיין טאַטע קען נישט פאָרן באַגעגענען אַ רבֿ. דיין טאַטע איז אַ שוסטער.
— מיין טאַטע איז אַ שיינער ייִד. מיין טאַטע, אַבי ער גיט נדבֿות·

צ י ב ו ל ע

שרייט אַרויס פון זיין אַרבעט.

דיין טאַטע לייבל אַ גוטער ייִד. ער שוסטער. ער בעסער אַלע האָראָטשינער ייִדן, דיין טאַטע.

ד י ק י נ ד ע ר

הינטערן פענסטער צעלאַכן זיך מיט אַ קלינגענדיקן געלעכטער.

צ י ב ו ל ע

אַ שוסטער גוט — אַ טייוול גוט. וואָס ניש, מאַטיע?

י י ד

כע־כע־כע, ביי דיר זענען אַלע גלייך. ווער עס גיט דיר אַ שטיק חלה, איז גוט.

צ י ב ו ל ע

ביי גאָט אויך אַלע גלייך.

א י י נ ג ל

הינטערן פענסטער שרייט אויס.

אוי, מען פאָרט!

ש ט י מ ע ן

— מען פאָרט! מען פאָרט!
— לאָמיר לויפן אַנטקעגן!
— קומט אַלע, לאָמיר לויפן אַנטקעגן.



י י ד

גיכער, אייל זיך צו, ציבולע. פאַרשווינדט.

צ י ב ו ל ע

איך זיך ניש דאַרף איילן. איך אים זאָג: דו ראַבין, איך — ציבולע. דו נאַר האָב קניזשקעס, איך שוין מאַך פּאַליצעס געגנוג.

א פ ר ו י

שרייט הינטערן פענסטער מיט ווילדע, באַנומענע קולות.

איך וועל נישט לאָזן צעשניידן מיינע פערענעס. מיינע פעדערן ווילן זיי אַרויסלאָזן!

צ י ב ו ל ע

משוגענע בעסטיע מיט די פעדערן. איך גיי נעם אַ שטעקן און איר טרייב פון שטאָט.

פ ר ו י

מיטן ווינט וועלן די פעדערן אַוועקפליען. וואו וועל איך געמען אַן אַנדער פערענע!

צ י ב ו ל ע

דו בעסטיע, קיינער נישט טשעפּעט דיינע פעדערן. היינט דו זייַ גוט. דו ניש זיי משוגע. דער ראַבין קומט. דו ניש זיי משוגע.

מען הערט, ווי הינטערן פענסטער רייצן זיך די קינדער מיט דער משוגענער.

צ י ב ו ל ע

אָט אַזוי, טרייבט אַוועק. ·טרייבט אַרויס פון שטאָט. ניש שיין, דער ראַבין קומען.

צ ו ו י י  אַ ל ט ע  י י ד ן

שטעקן אַריין אין פענסטער די קעפּ. מיט לאַנגע גרויע בערד. באַטראַכטן דעם בית־הרבֿ. שווייגנדיק טוט איינער אַ שמעק און אַזוי דער אַנדערער.

ע ר ש ט ע ר

וועט זיין אַ שיינער בית־הרבֿ.

צ ו ו י י ט ע ר

אַ גרויסער בית־הרבֿ.

ע ר ש ט ע ר

פּיין, פּיין. זאָל מען קיין ביזיונות כאַטש נישט האָבן.

צ ו ו י י ט ע ר

אַ גרויסער ייִד. אַפילו נאָך נישט קיין באַ־בשנים.

ע ר ש ט ע ר

אַבי אָן מחלוקת.

צ ו ו י י ט ע ר

שטאָט וועט אים האַלטן בכבוד.

ע ר ש ט ע ר

זאָגן, אַז ער איז אַ חכם.

צ ו ו י י ט ע ר

וועט האָבן חיונה בהרחבה.

ע ר ש ט ע ר

איך וואָלט אַן ערל נישט געגעבן אַזאַ מלאכה.

צ י ב ו ל ע

איך מעג. איך ווייס דיינע קניושקעס גוט. ווייס, וואָס אַ ראַבין זאָגט. איך מעג הייצן אויוונס, מעג נעמען אַראָפּ לייכטער — מעג אַלץ. ציבולע גוט, אַ ייִד גוט.

ע ר ש ט ע ר

אין אַלטן בית־הרב, מער יראה פאַרהאַן.

צ ו ו י י ט ע ר

האָבן אַ נייעם ארון־קודש געמאַכט. געקענט רעכט זיין דער אַלטער.

ע ר ש ט ע ר

האָבן בדעה דעם אַלטן ארון־קודש צו לאָזן אין אַלטן בית־הרב.

צ ו ו י י ט ע ר

נו, ווילן זיי אים אָנטאָן אַ נחת־רוח. מה־רעש?

ע ר ש ט ע ר

מען וועט דעם אַלטן בית־הרב נישט פאַרלאָזן. וועט מען דאָרט אין מיטן דער וואָך אַ פּרק משניות לערנען.

עס דערטראָגט זיך פון ווייטן דאָס שפּילן פון אַ קאַפּעליע קלעזמער.



ע ר ש ט ע ר

אַהאַ, זיי קומען!

צ ו ו י י ט ע ר

אַפילו קלעזמער נישט פאַרפעלט.

ע ר ש ט ע ר

לאָמיר גיין מקבל־פּנים־זיין. פאַרשווינדן.

צ י ב ו ל ע

בלייבט מיטן האַמער אין איין האַנט און אַ טשוואָק אין דער אַנדערער. הערט זיך איין פאַרגאַפט צום שפּילן. קראַצט זיך אין קאָפּ פאַר תענוג. וואָלט וועלן צושלאָגן נאָך אַ ברעט, אָבער די הענט קלעפּן זיך ניט.

אַ מ י י ד ל

שרייט הינטערן פענסטער.

צי־פּע! גיכער קום אַרויס! צי־פּע! מען האָט די פערד אויסגע־שפּאַנט און ייִדן האָבן זיך איינגעשפּאַנט, צי־פּע! דיין טאַטע איז אין די האָלאָבליעס און מיין טאַטע אויך.

די מוזיק ווערט שטאַרקער. אַ שמחת־תורה־ניגון טיילט זיך אַרויס.

אַ ן אַ ל ט ע פ ר ו י

באַווייזט זיך אין טיר. באַטראַכט די שטוב.

אָט־אָ־דאָ וועט עס די שכינה רוען. געלויבט איז גאָט און גע־לויבט איז זיין נאָמען.

צ י ב ו ל ע

ביש קען מער שלאָגן טשוועקעס. קלייבט אַ ביסל צו און גייט אַרויס.

אַ ל ט ע פ ר ו י

קומט אַריין אינעווייניק, זעצט זיך אויף אַ זייטיקער באַנק און וואַרט שווייגנדיק. די מוזיק און געזאַנג ווערט נעענטער און נעענטער, שוין ביים סאַמע שטוב.

ק י נ ד ע ר

לויפן אַריין און שטעלן זיך אויס ביי די ווענט מיט גרויס דרך־ארץ און דערוואַרטונג.

ר׳ ל ו י ־ י צ ח ק

באַווייזט זיך אין טיר געפירט פון חשובע ייִדן. ער באַטראַכט אַפילו ניט די שטוב ווי זי זעט אויס. ייִדן מיט שמחת־תורהדיקן געזאַנג רינגל־לען אים אַרום. הינטערן שטוב שפּילן נאָך די קלעזמער. ביסלעכווייז באַטייליקן זיך די ייִנגלעך אויך אין געזאַנג און פּאַטשן מיט די הענט.